# „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאַזיקע בלוט"

עס איז אַ פאַרקעמט און אַ צעשויבערט בוך. עס איז אַן איינגעהאַלטן און אַ צעהוליעט בוך. עס איז שווייגנדיק, איינזיכדיק און בריש־גלידיק, מאַניפעסטירנדיק, פאַרזיכטיק, זאַץ־געמאָלן, וואָרט־געמאָסטן — און פאַרב מפקיר געווען, געדאַנק פאַרטאַכלעוועט. נאָר ווער קען זאָגן, אַז צופיל ענערגיע ווערט פאַרשווענדט דאָ, ווען עס האַנדלט זיך אין אַטאַקירן דעם קעגנער? משה נאַדיר מאַכט אַן אָפּענסיווע איופן לעזער. ער וויל אים אַרומרינגלען פון אַלע זייטן. וועט ער דאָך אָבער נישט גיין דעם קעגנער זיינעם אויסזאָגן די סודות, איבערגעבן זיינע פּלענער. אָט דאָס און דאָס וויל איך, אַזוי און אַזוי מיין איך. אדרבא, ער מיינט גאָרנישט. און וואָס איז זיך דען דאָ צו שרעקן? קען דען זיין געפערלעך אַ מענטש, וועלכער קומט נישט מיט נאָוועלן־פוסגייער, נישט מיט ראָמאַנען־קאַוואַלעריע, נישט מיט דראַמען־אַרטילעריע? אַז בסך הכל פאַרמאָגט ער אַביסל אַפאָריזמען־רעוואָלווערן, אַ פּעקל שאַרפזיניקע שווערדלעך. און ער וויל בכלל נישט מאַכן קיין שום אַטאַקעס. ער איז אַ פיינער, אַ נאָבעלער מענטש. שטענדיק מיטן קראַוואַט פון דער לעצטער — וואָס רייד איך? — פון דער נאָך־לעצטער מאָדע. און האָט שטאַרק תּרעומות,

---

משה נאַדיר — מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָסדאָזיקע בלוט. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1927.

אַז מען זאָגט „דזשענטלמען״ און נישט ווי געהעריק: זשענטלמען אַן אַ דלת. — — — אַי, עפּעס הערט מען טריט? עפּעס אַ קלאַפּעריי? אַ געקלינגעריי? דאָס איז גאָרנישט. ער האָט אַביסל כלי־זיין — שפּילט ער זיך דערמיט, פּרוּווט עס אויס, צי עס איז נישט פאַר־זשאַווערט. אָבער ווייטער? ער איז נישט אויסן, חלילה, קיין שום שלעכטס. אַזוי זאָל אים גאָט העלפן.

און פּלוצלינג — — — אַז משה נאַדירס חילות גיבן אַ דערלאַנג דאָס אמתע ביסל פייער, נעמען בריען די פינגער ביים לעזער, און דאָס בוך פאַלט אים אַרויס פון האַנט און בלייבט אַזוי ליגן מיטן שער־בלאַט פון אויבן. קוקט ער, דער אָרעמער לעזער, נעבעך: „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט״, שפּרינגט ער אויף: גאָט, צעריים דעם שטן! אָווא — כ׳האָב דאָך גאָרנישט געוואוסט, אַז דער משה נאַדיר — אַ באַנדיט!

אַן אַרטיקל זאָל מעגן באַשטיין פון איין שורה, וואָלט איך אויפ־געשריבן: משה נאַדיר — סטראַטעגיע און גלויבן.

וואָרים זיין סקעפּטיציזם איז פרימער פון אַ סך פרומקייטן, וועלכע שטייען פאַרן שפּיגל און באַטראַכטן זיך, צי דער טלית־קטן קליידט זיי צום פּנים. נישט דערפאַר לאַכט ער, ווייל אים גייט גאָרנישט אָן. ער האַלט די שטיפערישקייט גופא איך פאַר אַ וואָזשנעם ענין. ווייל די וויכטיקסטע וויכטיקייטן זיינען איך גאָרנישט אַזוי שטאַרק וויכטיק. פּונקט ווי ביי אַ קינד, וואָס די שטערן אין נאַכטיקן הימל האַלט ער פאַר ווייסע פינטעלעך, און די העלקאַלירטע שפּרענקעלעך אויף דער מאַמעס פאַרטוך — זיינען ליכטיקע שטערן. און מען שפּילט זיך אי מיט דאָס ערשטע, אי מיט דאָס לעצטע. פון בײדע ווערט מען אַנטציקט. און בײדע זיינען אַזוי גרויס, און בײדע — אַזוי קליין.

און משה נאַדיר שפּילט זיך. ער נעמט אַמאָל קלעטערן אויף די ביימער פון געדאַנקלעכקייט און רייסט גרינע עפּל און שלידערט זיי אין די פּנימער פון געלערנטע בוכהאַלטערס. ווי ער וואָלט געזאָגט: אַנו, לאָמיר אַקאָרשט זען, ווי איר וועט וויסן, וואָס מען טוט דערמיט. עס איז דאָך נישט קיין קונץ צוצוגיין צו אַ סטראַגאַן און קויפן אַ

ברייטבייכיקע פּרי, וואָס האָט שוין געזינדיקט אויף דער וועלט, וואָס האָט שוין נישט אויף זיך די צניעות, וואָס איז שוין געוואָרן אויס־געטאָפּט פון הענט. — איר דאַרפט דווקא פּאַרטיקע, זיסע, אויסגעצייי־טיקטע, פאַררונדיקטע, פעטע געדאַנקען? איר דאַרפט אידעען, איר זאָלט זיי גלייך קענען אַריינגעמען אין פּיסק און קייען אויף אַלע ציין? ביי אייך הייסט עס: געניסן, ווײַ צו דעם גענוס!

א גאַנץ יאָר וואַרט איר אויף דעם זומער. א גאַנצן זומער האָפט איר, אַז די בליענדיקע חדשים זאָלן זיך אָנפּאָמפּען מיט זאַפט. גאַנצע חדשים וואַרט איר אויף דעם טאָג, ווען דער עפּל וועט הענגען מיט איין באַק אַ העלגרינער, און די צווייטע — אַ רויטע. און האָט איר זיך שוין דערוואַרט, געווערט עס נישט מער ווי אַ מינוט. אַראָפּגע־שלונגען, אויסגעשפּיגן און — חסל. און ווייטער? און נענטער?...

פאַרוואָס זעט איר נישט ווי קינדער פירן זיך? יעדער טאָג טראָגט אויף די אַקסלען דעם גאַנצן זומער. אין יעדער האַלבער אַלייע וואוינט גביריש דער גאָרטן מיט זיין פולער גאָרטנדיקייט. וואָסערע קונצן מען קען אויסבויען פון אָרעמע, מאָגערע ריטלעך! וויפיל גליק עס וואַלגערט זיך, וויפיל שמחה עס איז צעשאָטן אויף די אַראָפּגעוויינטיקטע בלעטער. און יעדע אומצייטיקע פרוכט, וואָס מען געפינט און וואו מען געפינט, איז אַזוי שיין מיט איר נס און אַזוי וואונדערלעך מיט איר שיין־זיין.

און ווער עס גלויבט נישט, — אַזוי זאָגט ערגעץ מיינער אַן אַפאָ־ריזם, — דער האָט מורא, ער זאָל נישט פאַרשפּילן; און ווער עס שפּילט, דער האָט שוין געוואונען: אַ מינוט פון גלויבן, אַז ער וועט זיגן.

און נישטאָ נאָך אַזאַ אומעסטעטישע זאַך ווי אפּיקורסות. וואָרים שיינקייט איז: איבעררעשונג. און די ניכטערקייט, די קלאָרקייט, די אויפגעפּראַלטקייט ווייס אַ סך, ווייס אַלץ, הערט גאָרנישט אויף צו וויסן. זי לאָזט זיך נישט פאַנגען. נישט פון קיין זאַך באַהערשן. אַזוי פיל פאַרהיטונגס־מיטלען פאַרמאָגט זי. איר פאַנטאַזיע גייט אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע. און אויף דער ערשטער — נאָך אַ קאַפּאָטע. און אויף דער צווייטער — אַ טולופּ. איבער טולופּ — סתם אַזוי אַ פוקסן פעלעכל.

און אויף דער פּעל אַ פּאַנצער. זי פאַרשטאַרקט זיך, באַרייכערט זיך, באַוואָרנט זיך. און סוף־כּל־סוף שטאַרבט זי פאַר הונגער אין איר איגענער באַוואָרנטקייט, ווי ראָטשילד אין דער אייזערנער קאַסע...

משה נאַדיר ווייס נישט אַלץ. דערפאַר זיינען ביי אים פאַראַן נייקייטן, אומגעריכטקייטן. און ער קען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון אָרעמקייט אָנצושרייבן אַ זאַץ, וועגן וועלכן ער זאָל אייך באַלד זאָגן, אַז ער פאַרשטייט אים אַליין נישט. ער פאַרשטייט נישט, אָבער ער גלויבט, גלויבט פאַנאַטיש. און ווי יעדער עכטער גלויביקער, איז ער שיין. און מער ווי שיין דאַרף מען נישט.

באַשאַפט גאָט יעדן טאָג די וועלט פון דאָס ניי? איר זענט זיכער, אַז נישט; רעליגיעזע זאָגן — יאָ. צי קענען נאָך די אַלע הונדערטער און טויזנטער יאָרן פון דענקען און פאָרשן געבוירן ווערן נייע אידעען? די וויסנשאַפט ענטפערט: זייער שווער, די פּאַראַ־דאָקסאַליסטיק מיינט: זייער לייכט. מען דאַרף נאָר אויף יעדער פלאַך אויפזוכן דעם מיטלפּונקט, פון יעדער אָנטפּלעקטקייט אַרויסבאַקומען דעם סוד. אין יעדער צייט — דערקענען דאָס צייטלעכסטע, אין יע־דער פּריצייטיקייט — דאָס אויסגעצייטיקטע, כאָטש עס איז נאָכנישט צייטיק. ווייל דאָס ווערן, דאָס רייפן פון אַ גרין־אין־דער־לופט הענגענדיקן געדאַנק איז דאָך נישט ווייניקער חידוש, נישט קיין קלע־נערע מעשה־פּלא, ווי זיין אויסגעשטאַנענקייט, זיין פאַרענדיקטקייט, זיין פול־מיט־זאַפט־אַראָפּפאַלנדיקייט.

משה נאַדיר איז געגאַנגען אין יענער שולע, וועלכע איז אַן אַזיל פאַר אַלע אָביקעטן, וועלכע ווערן נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שום אַקאַדעמיעס, ווייל דער ווייזער אויפן ציפערבלאַט הייסט נאָכנישט. דאָס זיינען געשעענישן, וועגן וועלכע פּראָפעסאָרן לייענען נאָך אין די צייטונגען; אויף די קאַטעדרעס — נישט דערוויל. נישט כּדאי. דאָס זיינען מינדערווערטיקייטן. נאָר זיינען פאַראַן גייסטער, וועלכע פאַרנעמען זיך דווקא מיט אָט די גרינגגעשעצטקייטן.

און מחמת אָט די געשעענישן האַלטן איצט אין פּאַרקומען, מחמת זיי שפּילן זיך איצט אָפּ, מחמת דער מאָמענט ווערט דורך זיי

גליענדיק, מחמת זיי בריען די פעדער. — בכן שרייבט מען וועגן זיי געשיקט, לאַקאַניש, שטאָלץ, מיסטעריעז, פּונקט ווי מען שרייבט קאָ־מוניקאַטן פון א שלאַכטפעלד.

שפּעטער, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן שרייבן וועגן דעם ברייטע, באַרואיקטע, קלאָרע, בפּורסומדיקע ביכער. אָבער איצט רעדט מען וועגן דעם אַזוי גאווה־דיק־קאַפּריזנע, אַזוי אויפרייצנדיק־געהיימניספול, אַזוי שפּאַרעוודיק־שטאַמלענדיק ווי אַ קינד.

דאָ איז מען אויף דער וואַך. מען טרייבט די אויפמערקזאַמקייט מיט בייטשן. זי טאָר קיין האַלבע סעקונדע נישט בלייבן שטיין. מען באַנוצט די ראַדיקאַלסטע מיטלען. ווייל די אויפגאַבע איז אַ שווערע.

אַז מען וויל עפּעס געבן פון אַ וועלט־באַנעמונג, וועלכע די וועלט האָט נישט קיין געדולד צו באַנעמען, — — —

אַז מען וויל די מענטשן באַווייזן דאָס, וואָס זיי זעען, און ווייל זיי זעען עס שטענדיק, קוקן זיי מיט גלעזערנע אויגן, זיינען זיי קאַלט, לעבן ווי שפּיגלען, — — —

אַז מען מיינט צו זאָגן: פאַררייסט נישט די אויגן צום הימל, ציילט נישט די שטערן. דאָס אַלץ האָט איר אַט־דאָ־אַ אויף אייערע גאַסן, אויף אייערע הויפן, וואָרים אונדזער ערד־קוגל איז דאָך אַליין אַ שטערן — — —

אַז מען מיינט צו איבערצייגן, אַז אַ פּאַראַליזירטע האַנט ביי אַ מענטשן איז נישט קיין קלענערע טראַגעדיע ווי אַ וועלט־אונטער־גאַנג, — — —

אַז מען וויל דאָס — מוז מען זיין גרייט אויף פאַרביטערטן ווי־דערשטאַנד. מען איז צו דעם נישט געוואוינט. צוליב גרויסער גע־וואוינהייט, האָט מען זיך פון דעם אָפּגעוואוינט. דאָ קען נאָר העלפן איפּצווינגונג, פאַרשקלאַפונג, מעכטיק באַהערשן.

ווי אַזוי זאָל עס געמאַכט ווערן? עס זיינען דאָ צוויי מיטלען: דערשרעקן און געטריי זיין. אָנוואַרפן אַ מורא און אַרויסרופן ליבשאַפט. דאָס פאַרפעלט קיינמאָל נישט דעם ציל.

דער גענעראַל־שטאַב און דאָס קינדער־צימער — זיי ביידע נעמען איין די וועלט. לגבי זיי בלייבן מיר אַנטוואָפנט, מאַכטלאָז, באַזיגט.

סטראַטעגיע און גלויבן — דאָס זיינען די עיקרים פון יענעם קאַטעכיזם, וואָס משה נאַדיר איז איינער פון זיינע אַדעפטן.

וויל משה נאַדיר, מען זאָל פאַר אים מורא האָבן? אהא, נאָך א מין! וויל ער מען זאָל אים ליב האָבן? דאָס צווייטע נישט ווייניקער אַ האָר ווי דאָס ערשטע. גיכער — אַ האָר מער...

דאָ וויל איך אייך עפּעס איינרוימען אין אויער. איר זאָלט עס נאָר קיינעם נישט דערציילן. עס איז אַ סענסאַציע. איך האַלט עס פּשוט פאַר אַן אַנטדעקונג: —

אַט דער נאָנשאַלאַנטער משה נאַדיר, אַט דער ביז אַרויף פאַרקנעפּלטער, אַט דער אַרצי מחוצף אייראָפּעער, אַט דער איך־פרעג־נאָך־איך־ווי־נאָך־פאַראַיאָריקן־שנייאיסט איז אַ געוואַלטיק סענטימענטאַלער נפש. איז דאָס זייער שיין פון זיין זייט, זייער מענטשלעך! מיר געפעלט דאָס.

דערלויבט מיר אַ קליין הקדמהלע. איך האָב גאָרנישט צו אמתע ציניקער. זיי זיינען נישט ציניש. זיי וויסן נישט דערפון. זיי פּראָוון נישט קיין ציניזם, זיי לעבן אים. עס איז נישט ביי זיי קיין פייערלעכקייט, זיי טוען עס צווישן הונדערטער אַנדערע טאָגטעגלעכע אַרבעטן.

איך קען אָבער נישט ליידן יענע וואוילע יונגען, וועלכע האַלטן דעם ציניזם הינטער אַ שויבן־שראַנק: אַז עס וועלן קומען געסט, זאָל זיין מיט וואָס מכבד צו זיין... עס איז שווער צו פאַרטראָגן יענע, וועלכע, פאַרברענענדיק מיט גוטע ברידער, ריכטן זיי אָפּ ציניזם, ווי אַ כשרער ייד להבדיל ריכט־אָפּ ״חצות. נאָכדעם גייען זיי אַהיים צו ווייב און קינד, פאַרהענגען די גאַרדינען (זאָל קיינער נישט אַריינקוקן) און זיינען איצט אין דער איגענער פעל: קעציש־שטילע ברואימלעך, יוסטע באַלעבעסלעך. אַז זיי וועלן מערצעשעם שטאַרבן און וועלן אין אַנדערן גילגול ווערן מיידלעך — וועלן זיי זיצן שפּעט ביינאַכט צווישן אַ קאָמפּאַניע יונגעלייט, וועלן רויכערן פּאַפּיראָסלעך, און

אַרויסשטעלן די ווידענע זאַקן ביז אַריבער די קני און ריידן דיק־באַפּוטערטע נבול־פּה. שפּעטער, אַהיימגייענדיק, וועלן זיי זיך לאָזן באַגלייטן נאָר ביז צום טויער. נישט ווייטער. און אַרויפקומענדיק אין שטוב, וועלן זיי כאַפּן דעם סידור און לייענען קריאת־שמע. איר האָט עפּעס ליב אַזעלכע? מיך — זאָל גאָט נישט שטראָפן.

משה נאַדיר שעמט זיך נישט מיט זיין מענטשלעכקייט. אַז עס טוט אים וויי — זאָגט ער. און ער זאָגט, אַז עס טוט אים וויי, וואָס אברהם רייזען שרייבט נישט וועגן אים.

אַ טענה האָט ער אַ גערעכטע: „איך האָב וועגן רייזענען שוין אַוודאי אַ צען מאָל געזונגען מיין לידל — אָבער האָט ער זיך חלילה דערמאָנט צו שרייבן וועגן מיר ביי אַזאַ געלעגנהייט, זאָגן מיר, ווי ס׳צוואַנציקסטע יאָר פון מיין סקריביאַנטישער אַרבעט?"

און שפּעטער אַ גאַנצע לירישע אינטערמעצאָ: „האָט דען די וועלט עפּעס שענערס ווי די שיינקייט פון... חברשאַפט? מיט וואָס פאַר אַ צייכן זאָלן מענטשן לעבן צווישן זיך, ווען נישט דאָס קול פון קול, די שטים פון אויג; דער קלאָרער סימן, אַז איך בין אָביסל דו — אַז מיר ביידע קענען זיך מיט די הערצער אויסבייטן ווי מיט קליינע מתנות!"

און זייט 194 איז פאַרמשפּט צו טראָגן אויף זיך אַזאַ אומפאַר־שעמטע אויפריכטיקייט: „איך האָב געבענקט נאָך דעם דאַנק פאַר מיין שיין געשענקטער מתנה, איך האָב געוואַרט אויף רייזענס געזאַנג וועגן מיר".

און עטלעכע זאַצן דערנאָך — עך, מיינע וואַכזאַם־פאַרזיכטיקע, גוט־דערצויגענע, מיט מאַנירן אויסגעשטאַטעטע פריינט! ווען איך זאָל אייך דערציילן, וואָס דערנאָך טוט זיך — איך שרייב עס איבער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

„רייזען דער „גרויסער ליבהאָבער" דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז נישט דער צער פון קראַנק זיין, נישט דער צער פון פאַרלירן, נישט דער צער פון שלעכטקייט, נאָר דער צער פון לעבן אַליין איז דער־גרעסטער צער".

אַ משה נאַדיר, זון פונעם אַלטן נאַדיר. ווי פּאַסט דאָס? וואָס וועלן מענטשן זאָגן?...

נאָר וואָס גייען אים אָן מענטשן? ער איז אַליין אַ מענטש. — און נאָך מער. ווייל אַ שפּילנדיקער מענטש, אַ דראָענדיקער מענטש.

ווי קונציק ער קען אַרויסהייבן דעם קאָפּ פון אונטער אַ שטיקנ־דיקער זעלן־אַטמאָספער! ווי שמשונדיק ער גיט אַ טרייסל די וואַנט פון סענטימענטאַלער טרויעריקייט; זיינע איבערגענג זיינען האַסטיקע, אַנטשלאָסענע, זיכערע. ווייל ער שפּאַצירט נישט אין ליידיקן חלל. ער גייט אויף אַ בריק, וואָס ליגט פון מענטש צו מענטש.

און פון „אַזוי ווי דער פּרינציפּ פון דער דיכטונג פאָדערט וויצ־לעכקייט... ערגאָ וויצן” ביז „לאָמיר ווערן ערנסט אויף אַ מינוט, מיינע הערשאַפטן!” איז אַזוי נאָענט...

אַזוי נאָענט, ווי פון אַ פאַרשכורטן צייט־פאַרגעסענעם מאָלצייט אין אַ צעהוליעטער נאַכט. — ביז דער קילער אומהיימלעכער שטיל־קייט, וואָס וויקלט זיך אַרום די פיס פון דעם וואַנדערער, וועלכער פּלוידערט מיט די שאָטנס פונעם טונקל: מיין גאָט, מיין גאָט...

אַזוי נאָענט, ווי פון דעם שטורעמווינט וואָס האַקט־צו די טיר ביי פרידלעכע באַוואוינער פון אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, — ביז די טירן, וואָס וועכטער פאַרקלאַפּן הינטער זיך אין אַ הויז פון משוגעים.

אַזוי נאָענט, ווי פון דעם קריגער אין שוצן־גרוב, וועלכער בראָ־דזשעט אין גליווערדיק בלוט און שליידערט טויטענישן אין דער ווייטקייט, וואו מענטשן צעררייסן זיך אויף קליינע שטיקער פליישׁ, — ביז זיין קינד אין דער היים, וואָס שפּאַצירט דאַגהלאַז אויפן באַזוניקטן בערגל מיט אַ לג־בעומר־ביקסל אויפן פּלייצע.

און משה נאַדיר קעמפט און קינדישט. איז אויסלאַכנדיק און איינליבנדיק. אַטאַקירט מיט אַפאָריזמען און אַפאָריזמיצירט שפּילעוו־דיק.

און שפּילנדיק זיך, און וואָרפנדיק מיט שפּרינגווערטער, ווי מיט באַלעמס, גלייבט ער צו זיין געוועבט, ווען ער טרעפט עמעצן אין

שאַרבן. און טרעפנדיק, וויל ער שיין זיין דערמיט, וואָס ער קען אַזוי פּינקטלעך צילעווען. און זייענדיק שיין, און קאָקעטירנדיק, און רייצנ־דיק, פאַרשאַפּט ער אַמאָל ווייטיק עמפּינדלעכע, צאַרטע, אומשולדיקע באַשעפעניש, וואָס דאַרפט איר מער, אַז אַפּילו אַזאַ דיכטער ווי מאַני לייב כאַפּט אויך אין קאָפּ אַ קויל שאַרפזיניקייטן.

משה נאַדיר איז מודה, אַז מאַני לייבס ביכער זיינען גאַנץ וואוילע. נאָר וואָס דען? זיי טויגן נישט. פאַרוואָס? פּשוט. ווייל משה נאַדיר האָט אַ גראַציעזן משל מיט אַ קעניג אַנהעמדיגוס, וועלכער האָט גע־זאָגט אַ געזאָגענער, ווייל אַ געצוואָגענער, אַ צעטראָגענער.

קומט צוגיין — ווי לייטישע לייט זאָגן זייער מדות־טובותדיק, — דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, און זאָגט, אַ נישט געזאָ־גענער, אַזוי צו זאָגן: מאַני לייבס ביכער זיינען אוודאי גאַנץ וואוילע, נאָר וואָס דען? זיי טויגן יאָ. פאַרוואָס? פּשוט. ווייל איך האָב גראָד נישט אונטער דער האַנט קיין גראַציעזן משל מיט אַ קעניג.

נאָר חס ושלום. זייט אים נישט חושד אין ביזוויליקייט. ער איז נישט אויסן קיין שום שלעכטס. אַזוי זאָל אים גאָט העלפן. אַ סימן האָט איר, אַז אַפּילו זיין פריינט, זיין יוגנט־פריינט, הענריק איבסען באַהאַנדלט ער אויך נישט בעסער. ווען העדאַ גאַבלער, הענריק איבסען און מאַדאַם נאַזימאָוואַ, ווען אָט די טראַיקע פאַרבלאָנדזשעט אין די ווייסע טיפע שנייען פון משה נאַדירס קריסטאַל, מעג זי אויך אָפּזאָגן ווידוי, ווייל זי איז חיות נישט זיכער. — וואָס וויל ער פון זיי? איר זענט מאָדנע! וועלכער סטראַטעג וועט דאָס איבערגעבן זיינע פּלע־נער? אַז איר וועט אים פרעגן, וועט ער אייך געבן אַ קלאָרן ענטפער: איך האָב זיי נישט ליב, ווייל זיי געפעלן מיר נישט, און זיי געפעלן מיר נישט, ווייל איך האָב זיי נישט ליב, און עס געפעלט מיר זיי נישט ליב צו האָבן, ווייל עס געפעלט מיר אַזוי — איצטער ווייסט איר שוין?

אַזוי אָבער ווי ער איז צופיל געטריי אייער געטריישאַפט, אַזוי אָבער ווי ער גלויבט צופיל אין אייער גלויבן, אַז ער זאָל האָבן אַ לבבות איך אַרויפצופירן אויף אומגלויבן, דערפאַר גיט ער אייך אַ

רמז, אַ באַוואָרעניש אין דער פאָרם פון „מיר געפעלט אַזוי". אָבער „איטלעכע פיעסע" קען מען אַזוי איבערגעבן, זי זאָל אויסקוקן משונה־דיק און ווילד", אָדער — — — נאָך אײדער איך זאָג אײַך, וואָס דער לעצטער „אָדער" מײנט, וויל איך מאַכן אַ שטיקל מאַניפעסט: רבותי! אַז דער אויבערשטער וועט העלפן מיט גאָטס הילף און מ. נאַדיר וועט אויסהאַמערן אַ קנאַקעדיקן אַרטיקל וועגן י. אָפּאַטאָשו און וועט מסתמא — הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן — מאַכן פון אים אַ תל, זאָלט איר זיך גאָרנישט איבערשרעקן. קומט צוגײן דער שורהדיקער פון די דאָזיקע שורות און טענהט: פאַרוואָס? פאַרווען? י. אָפּאַטאָשו איז אײנער פון אונדזערע פײנסטע ייִדן און אײנער פון אונדזערע פײנסטע קינסטלער.

אַז איר בלעטערט דאָס גזלנישע בוך: „מײַנע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט" שטעלט זיך פאַר אײַך דער יצר־הרע און אַזוי זאָגט ער: אָט דער חברה־מאַן איז פאַראינטערעסירט, עס זאָל זײַן אויף דער וועלט וואָס מער פּעלערהאַפּטס און שלעכטס. מחמת, פאַרשטײסטו מיך, הגם ער איז זעלטן־ווען אַמעכטיק, איז ער אָבער אַמשטאַרקסטן דאָרטן, וואו ער טרעפט זיך צונויף מיט שוואַכקייטן. כאָטש ער איז שטענדיק און קודם כל קלוג — ווי ער וואָלט זיך געטראַכט, אַז שטאַרבן און נאַריש־זײַן פאַרשפּעטיקט מען קײנמאָל נישט — איז ער אָבער אַמ־קליגסטן דאַן, ווען עס קומען אים אַנטקעגן אומגעלומפּערטקייטן. אָט לייען אויפמערקזאַם זײַנע קריטיקעס און וועסט זען: אַמטיפסטן ג ר אָ ב ט ער דענסטמאָל, ווען ער ב אַ ג ר אָ ב ט.

און דער יצר־טוב ענטפערט: נו, מאַ. עס איז גוט געמײנט. אויב די מענטשהייט ווערט ווען עס איז געשטראָפט מיט אַ נאַרישער טעאַ־טער־שטעלונג, זאָל זי כאָטש געפינען סאַטיספאַקציע אין אַ געשיקט געשניצטן אַרטיקל פון משה נאַדיר.